# מגילת רות



בווילנא

שנת תשע״ז לפ״ק

# מגילת רות

תרגום לשפה היהודית המורגלת בפלך ווילנא ובפרט
במזרחו, מאת הד"ם:

## הירשע=דוד מעינקעם

בדפוס ר' אליה=לייזער
(המכונה עלטשיק) חייט ז"ל אשר ברחוב
גרוים פאהולאנקא

בווילנא

שנת תשע"ז לפ"ק

# RŪTOS KNYGA

Dovydo Kaco vertimas iš Biblijos hebrajų kalbos
į Lietuvos jidiš kalbą (Litviš)

Viršelyje panaudota Giedrės Beconytės grafika
Tomo S. Butkaus knygos dizainas

VILNIUS 2017

# לעין הקורא

אין אָט דעם תרגום רות לייענט זיך וי — [עי]; בשעת ווען וֹי לייענט זיך — [אָי], אַזוי אַרום, אַז דער וואָס הערט ניט איז טויב [טעיב], בעת אַ טוֹיב [טאָיב] פליט אַזש אין הימל. דאָס איז גערעדט געוואָרן ביַי ווערטער וואָס שטאַמען ניט פון לשון קודש אָדער אַראַמיש; ביי די ווערטער פון סעמיטישן אָפּשטאַם, איז עס בדרך כלל [עי] אין אָפענע טראַפּן: סוחר [סעיכער], סודות [סעידעס]; און [אָ] אין פאַרמאַכטע טראַפּן: סוחרים [סאָכרים], סוד [סאָד].

אַ יישר כח: מיכאל בן ראובן מאַסאַרסקי (ניו־יאָרק) פאַר זיַינע וויכטיקע עצות און תיקונים צום טעקסט גופא. די פולע אחריות פאַר טעותן און חסרונות טראָגט דער בעל־התרגום אַליין.

אַ דאַנק אויך: נעסע אָלשאַנסקי (טאָראָנטאָ); מתתיהו בעל (פלײנאָ, טעקסאַס); שיקע וואָלק (לאָס־אַנדזשעלעס); יעקב זיסער (פעטערבורג); מילאַן כערסאָנסקי (ווילנע); יוליוס נאָרווילאַ (ווילנע); וויוויאַן (חוה) פעלזען (טאָראָנטאָ); פּראָפעסאָר פּנחס פרידבערג (ווילנע); וויקטאָריאַ ראַטקעוויטש (מאַלאַט, ליטע); יוליטשקע רעץ (פעטערבורג).

# THE BOOK OF RUTH

Translated from the Biblical Hebrew
into Lithuanian Yiddish
by Dovid Katz

© Dovid Katz 2017

# א

[א] ס׳געווען אַזוי: אָדאַמאָלסט אַז די שופטים האָבן געטאָן משפטן, אין לאַנד איז אַ הונגער געווען, איז זאַך איינער אַ מענטש אַוועקגעגאַנגען פון בֵּית־לֶחֶם וואָס אין יהודה, אַף צו וואוינען אין די פעלדער פון מוֹאָבֿ: ער, מיט די ווײַב זײַנע און די צוויי זין זײַנע. [ב] גערופן האָט מען אָדעם מענטשן אֱלִימֶלֶךְ, די ווײַב זײַנע האָט מען נָעֳמִי גערופן, און די צוויי זין וואָס באַ עם האָבן מַחְלוֹן און כִּלְיוֹן געהייסן. אֶפְרָתִער — פון בֵּית־לֶחֶם וואָס אין יהודה.

זײַנען זיי אָנגעקומען אין די פעלדער פון מוֹאָבֿ און זיי זײַנען אָדאָרטן אָפּגעווען.

[ג] אַז ס׳איז אַוועקגעשטאָרבן אלימלך, דער מאַן פון נָעֳמִין, איז זי שוין אָדאָרטן פאַרבליבן, אַזי מיט די צוויי זין אירע. [ד] זיי האָבן זאַך גענומען ווײַבער מואבֿישע. דער נאָמען באַ איינע — עָרְפָּה; און דער נאָמען באַ די צווייטע — רוּת. זיי האָבן זאַך אָדאָרטן אַן ערך צען יאָר אופגעהאַלטן. [ה] און אַדי ביידע, מַחְלוֹן מיט כִּלְיוֹן, זײַנען אויכעט אַוועקגעשטאָרבן, איז די פרוֹי איינע אַליין פאַרבליבן פון די צוויי זין אירע מיטן מאַן אירן.

[ו] האָט זי זאַך אופגעהויבן מיט די שנורן אינאיינעם, און זי האָט זאַך גענומען אומקערן פון די פעלדער פון מואב, ווײַלע אין די פעלדער פון מואב האָט זי דאַהערט אַז גאָט האָט אין זײַן פאָלק פאַרגעדיינקט, און זיי ברויט געטאָן געבן. [ז] אַז זי איז אַרוֹיסגעגאַנגען פונעם אָרט אַוואו זי איז אָדאָרטן אָפּגעווען, און מיט איר די צוויי שנורן, זײַנען זיי אַפן טראַקט אַוועק, זאַך אומקערן אין ארץ יהודה.

[ח] טוט נָעֳמִי אירע צוויי שנורן אַ זאָג:

„איז גייט זשע, און קערט־זאַך אומעט, אַאיטלעכע פון אײַך
צום הוֹיזגעזינד פון די מאַמע אירע, טאָ זאָל יי מיט אײַך
גוטיקײַט טאָן, אָט אַזויאָ, ווי איר האָט מיט די אָפּגעשטאָרבענע
געטאָן — און אַזויאָ ווי מיט מיר אַליין.

(ט) און זאָל זשע גאָט געבן, איר זאָלט אַ מנוחה געפינען,
אַאיטלעכע אין הויזגעזינד באַם מאַן אירן.“

האָט זי זיי אַ קוש געטאָן. האָבן זיי אַ קול אופגעהויבן, און געמומען וויינען, (י) זיי האָבן איר אַ זאָג געטאָן:

„אַניין, ווײַלע מיט דיר וועלן מיר זאַך אומקערן צום פאָלק דײַנעם.“

(יא) זאָגט זיי נָעֳמִי:

„קערט זשע זאַך אומעט, טעכטער מײַנע, און גייט־זשע. אַפאַרוואָזשע זאָלט איר דען מיט מיר מיטגיין? אַוואָס, איך האָב דען נאָך באַ זאַך אין שויס זין, זיי זאָלן אײַך פאַר מענער ווערן?

(יב) „קערט זאַך אומעט, אָ טעכטער מײַנע. טאָ גייט־זשע, ווײַלע איך האָב זאַך פאַרעלטערט פון געגעבן ווערן אַ מאַן; און אַפילו אַז איך זאָל באַ זאַך זאָגן, אַז ס׳דאָ דאָ באַ מיר אַ האָפונג, זאָל איך אַפילו אָטאָ די הײַנטיקע נאַכט אַ מאַן געגעבן ווערן, און אַפילו אַז איך וואָלט אַ געווינערין פון זין געוואָרן, (יג) וואָלט איר דען פון זייערטוועגן פאַרזיצן ביזקל וואַנענט זיי וועלן אויסוואַקסן, פון זייערטוועגן ווי אַן עגונה, קין מאַן ניט געגעבן ווערן? אַניין, טעכטער מײַנע, ווײַלע מיר איז אַ פולע ביטערער איידער אײַך, ווײַלע די האַנט פון גאָט איז קעגן מיר אַרויסעט.“

(יד) האָבן זיי אופגעהויבן אַ קול און זיי האָבן ווײַטער געוויינט.

עָרְפָּה האָט זאַך צעקושט מיט די שוויגער אירע.

נאָר וואָדען, רותֿ האָט זאַך צו איר צוגעקלעפּט, (טו) האָט זי איר אַ זאָג געטאָן:

„טו אַ קוק! די שוועגערין דײַנע קערט־צאַך אומעט צו איר
פאָלק און איר גאָט. איז גיי אַף קאַריק נאָך די שוועגערין!“

(טז) האָט איר רות געזאָגט:

„שטיי זשע ניט צו איך זאָל דיר פאַרלאָזן, פון אַנאָך דיר
זאַך אומקערן, ווײַלע דאַהין אַוואו דו׳עסט גיין ל׳איך
אויכעט אַהין גיין, און וואוּאַהין דו׳עסט זאַך אָפּשטעלן
וועל איך זאַך אויכעט אָפּשטעלן. אַז דײַן פאָלק איז דאָך
מײַן פאָלק, און דײַן גאָט איז דאָך מײַן גאָט. (יז) אַוואו
דו׳עסט ניט אָפּשטאַרבן, אָדאָרטן ׳על איך אָפּשטאַרבן,
און אָטאָ דאָרטן וועט מען מיר מקבר זײַן; זאָל מיר
אָטאַזויאָ אָפּטאָן יי און נאָכמער, אויבע וואָס־ניט־איז,
אַחוץ מערניט דער טויט אַליין ׳עט אונדז אָפּשיידן, אַ!“

(יח) דאַזען, אַז זי שפּאַרט זאַך אײַנעט מיט איר מיטגיין, האָט זי
אופגעהערט איר צוריידן.

(יט) זײַנען זיי ווײַטער געגאַנגען זאַלבעצווייט ביזקל וואַנענט זיי זײַנען
אין בֵּית לֶחֶם אָנגעקומען. ס׳געווען אַזוי, אַז באַם אָנקומען אין בֵּית
לֶחֶם איז אין גאַנצן שטאָט אַ מהומה געוואָרן, אַז פּרוֹיען האָבן
אַזש גענומען אַ זאָג טאָן:

„אַ־נָעֳמִי אי׳ דאָס?!“

(כ) טוט זי די פּרוֹיען אַ זאָג:

„אַ־ניט נָעֳמִי — אײַנגענעמע, רופט מיר, נאָר וואָדען: מָרָה
— פאַרביטערטע, רופט מיר אָנעט, ווײַלע אַ פולע
פאַרביטערניש האָט מיר דאָך שַׁדַּי אָפּגעטאָן. מיט פוליקײַט
בין איך דאָך אַוועקעט, און אַ ליידיקע האָט מיר יי
אומגעקערט. איז צו וואָס זאָלט איר מיר דען ‚נָעֳמִי‘ רופן,
אַז יי האָט אַף מיר עדות געזאָגט, אַז שַׁדַּי האָט מיר דען
אָפּגעמשפּט?“

(כא) איז: נָעֳמִי האָט זאַך אומגעקערט, און מיט איר רוּת די מוֹאֲבִישע איר שנור, פון די פעלדער פון מואב זײַנען זיי אין בית־לחם אָנגעקומען, אַז ס׳האָט זאַך אין וועג גענומען דער גערשטן־שניט.

# ב

(א) באַ נָעֳמִין איז דעם מאַנס אַ קרוב געווען, אַ מאַנסביל אַ גיבור, פון אֱלִימֶלֶכס משפּחה, געהייסן האָט ער בּוֹעַז. (ב) איז נעמט רוּת די מוֹאֲבִישע און טוט נָעֳמִין אַ זאָג:

„טאָ וועל איך אין פעלד אַוועקגיין, אופקלײַבן פון די זאַנגען,
אַהינטער דעם באַ וועמען אין די אויגן איך נעם אויסעט מיט חן?"

טוט זי איר אַ זאָג:

„גיי זשע, מײַן טאָכטער."

(ג) איז זי געגאַנגען. און אָנגעקומען. און זי האָט אין פעלד צונויפגעקליבן, אַנאָך די שניטער. און ס׳האָט מיט מזל געטראָפן, אַז פונקט אַפן טייל פעלד וואָס געהערט בּוֹעַזן, וואָס פון אֱלִימֶלֶכס משפּחה. (ד) בּוֹעַז איז אָקערשט פון בית־לחם געקומען, טוט ער אַ זאָג די שניטער:

„גאָט איז מיט אײַך."

זאָגן זיי עם:

„בענטשן זאָל אײַך גאָט."

(ה) פרעגט בועז באַם אינגל וואָס איבער די שניטער:

„אַוועמעס איז אָטאָ די מיידל?"

(ו) האָט עם געענטפערט, דער אינגל וואָס איבער די שניטער, און האָט אַ זאָג געטאָן:

„אַ מואבֿדיקע מיידל איז זי, אַוואָס זי האָט זאַך מיט נָעֳמִין אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב.“

(ז) האָט זי געזאָגט:

„איז גיט־זשע, כ'ל אָפּקלײַבן, כ'ל אופזאַמלען — פון די גאַרבן, אַנאָך די שניטער.“

פון דאַמאָלסט אינדערפרי אַז זי איז אָנגעקומען איז זי געשטאַנען ביז אָט איצטערטאָ, נאָר אַ קאַפּ איז זי אין הויז געבליבן. (ח) האָט בועַז רותן געזאָגט:

„הערסטע ניט, מײַן טאָכטער? זאָלסט ניט גיין אופקלײַבן אין קיין שום אַנדער פעלד, קער זאַך ניט אָפּעט פון אָטאָ דעמאָ! (ט) די אויגן באַ דיר זאָלן אַף אָטאָ דעם פעלד זײַן, אַוואו זיי שנײַדן, זאָלסט נאָך זיי נאָכגיין. האָב איך זיי דען ניט אָנגעזאָגט, די יונגען, זיי זאָלן דיר ניט אַ ריר טאָן? און טאָמער ועסט דאָרשטיק זײַן, איז גיי זשע באַלד צו, צו די כלים, און טרינק אויסעט, פונדאַפון אַוואָס די יונגען האָבן אָ'געשעפּט.“

(י) זי איז אַפן פנים אַראָפּגעפאַלן, האָט זאַך צודערערד צוצו זאַך צוגעבוקט, און האָט עם געזאָגט:

„מיט וואָזשע האָב איך חן געפונען אין אײַערע אויגן, איר זאָלט מיר אַפילו דאַקענען, איך בין דאָך פון אַ פרעמדן לאַנד?“

(יא) האָט בועז געענטפערט און איר אַ זאָג געטאָן:

„אַז דאַציילן ט'מען מיר דאַציילט, אַלציקעדינג וואָס דו'סט געמאַכט מיט די שוויגער דײַנע אַנאָכאַדעם ווי דער מאַן איז באַ דיר אָפּגעשטאָרבן, ווי אַזוי דו האָסט פאַרלאָזן דײַן טאַטן מיט דײַן מאַמען און דעם לאַנד אַוואו בינסט

געבאָרן געוואָרן, בינסט אַוועקגעגאַנגען אין אַ פאָלק אַוואָס דו'סט עם אייערנעכטן גאָרנישניט געקענט. [יב] טאָ זאָל דיר אָפּצאָלן גאָט פאַר דיאָ מעשים, און זאָל באַ דיר דער שכר אַ פולשטענדיקער זײַן אַזש פון יי, גאָט פון ישראל, אַוואָס דו בינסט געקומען זאַך אופבאַהאַלטן פון אונטער זײַנע פליגל."

[יג] טוט זי זאָגן:

„טאָ זאָל איך נאָר אויסנעמען באַ אײַך אין די אויגן, מײַן האַר, מחמת איר האָט מיר דאָך געטרייסט, איר'ט צום האַרצן פון אײַער שפחה געטאָןריידן, אַזוי ווי כ'וואָלט גאָרניט ניט זײַן ווי איינע פון די שפחות אַוואָס באַ אײַך."

[יד] אַז ס'האָט געהאַלטן באַם מאָלצײַט טוט איר בועז אַ זאָג:

„קום דאָ אַהערעט, אָט, עס אָפּעט פונעם ברויט, און דעם עסן טונק אײַנעט אינעם בְּשָׂמִים־ווײַן."

זי איז אָן אַ זײַט פון די שניטער געזעסן, און ער האָט איר אָנגעלייגט זיינגלעך פון אָפּן פײַער, זי האָט אָפּגעגעסן, זי איז געווען זאַט און האָט נאָך געהאַט אַוואָס־ניט־איז באַ־זעך איבערגעבליבן. [טו] זי האָט זאַך אַ הייב־אופעט געטאָן אַף צו קלײַבן און בועז האָט אָנגעזאָגט די יונגען זײַנע:

„צווישן די גאַרבן־בינדער ט'זי אויכעט אָפּקלײַבן. איר זאָלט זאַך צו איר ניט טשעפּענען! [טז] איר זאָלט פון אירטוועגן אַפילו אַ זשמעניע אַראָפּלאָזן, איז זאָל זי אופקלײַבן, זאָגט איר ניט אַרײַנעט."

[יז] זי האָט אָפּגעקליבן אין פעלד ביז אין אָוונט, און אַדאָס וואָס זי האָט אָנגעקליבן האָט זי אויסגעקלאַפּט, אַן אֵיפָה די מאָס, אַוואָס אַן ערך, מיט גערשטן, [יח] און האָט עס אַוועקגענומען און איז אָנגעקומען אין שטאָט. אַז די שוויגער אירע האָט דאַזען אַוואָס זי האָט אופגעקליבן האָט זי אַרויסגענומען און איר אָפּגעגעבן אָדאָס וואָס זי האָט איבערגעלאָזן, איז זי אָנגעזעטיקט געווען. [יט] זאָגט איר די שוויגער:

„אַוואו ס'טע הײַנט אָפּגעקליבן און אַוואו 'סטע אָפּגעאַרבעט?
און זאָל געבענטשט זײַן אָ־דער וואָס ער שאַצט דיר אָפּעט.“

האָט זי די שוויגער אירע דאַציילט אַבאַ וועמען זי האָט אָפּגעאַרבעט, זאָגנדיק:

„דער נאָמען פון מאַנסביל אַבאַ וועמען כ'האָ' הײַנט אָפּגעאַרבעט — בוֹעַז הייסט ער.“

(כ) האָט נָעֳמִי איר שנור אַ זאָג געטאָן:

„געבענטשט זאָל ער זײַן באַ יי, וואָס ט'ניט פאַרלאָזן זײַן גוטיקייט אַניט מיט די לעבעדיקע און אַניט מיט די טויטע.“

דאַצו האָט איר נָעֳמִי אַ זאָג געטאָן:

„אַז אָטאָ דער מענטש איז דאָך אונדזער קרוב, ער איז איינער פון די געזינד־לייזער וואָס באַ אונדז.“

(כא) טוט זאָגן רוּת די מוֹאֲבִישע:

„אַז נאָכמער! ער'ט מיר אַ זאָג געטאָן: „בלײַב זשע האַרט נאָענט לעבן די יונגען מײַנע, ביזקל וואַנענט זיי וועלן ניט אָפּענדיקן מיטן שניט וואָס געהערט מיר.“

(כב) זאָגט נָעֳמִי רוּתְן, איר שנור:

„נאָך בעסער'ט זײַן, מײַן טאָכטער, אַז דו'סט אַרויס מיט די מ י י ד ל ע ך וואָס באַ עם. וועלן יענע דיר ניט טשעפּענען אין אַן אַנדער פעלד אויכעט ניט.“

(כג) האָט זי זאַך נאָענט געהאַלטן באַ די מיידלעך אַוואָס באַ בוֹעַזן, אַף אָפּקלײַבן, ביז וואַנענט ס'האָט זאַך ניט געענדיקט דער גערשטן־שניט מיטן ווייצן־שניט.

געלעבט האָט זי באַ די שוויגער.

# ג

(א) איר האָט אַ זאָג געטאָן נָעֳמִי די שוויגערין אירע:

„אַז כ'זוך דיר דען ניט אוֹיסעט אַ מנוחה, דיר זאָל גוט זײַן? (ב) אי' דען די זאַך ניט אָט אַזויאָ, אַז בּוֹעַז אי'דאָך אונדזער געזינדמאַן, וואָס בינסט מיט די מיידלעך זײַנע געווען, (ג) איז אָט וואָס: ה ײַ נ ט ב אַ נ אַ כ ט ט'ער אין גערשטן־שײַער ווינט־שופלען. איז וואַש־זאַך אוֹיסעט, זאַלב־זאַך אוֹיסעט, טו־זאַך אָנעט די קליידל, און — אין שײַער גיי אַראָפּעט, נײַערט לאָז־זאַך ניט אַף באַמערקט צו ווערן, ביזקל וואַנענט ער'ט ניט אָפּענדיקן עסן און ט ר י נ ק ע ן. (ד) אַדאַמאָלסט, אַז ער'ט זאַך אַוועקלייגן, און דו'עסט דאָך שוים געוואָר זײַן דעם אָרט אַוואו ער'ט זאַך לייגן, זאָלסט אַרײַן און אַנטפּלעקן זײַן צופוסנס, איז לייג זאַך אַליין אַוועקעט. 'עט ער דיר שוים הייסן אַוואָס דו זאָלסט מאַכן."

(ה) זאָגט זי איר:

„אַלציקעדינג אַוואָס דו זאָגסט מיר ועל איך טאָן."

(ו) איז גייט זי אַראָפּעט צום שײַער צוצו און האָט אַלציקעדינג געטאָן אָטאַזויאָ ווי ס'האָט איר די שוויגער אירע געהייסן. (ז) אַז בּוֹעַז האָט געגעסן, און געטרונקען, און עם איז גליקלעך אַפן האַרצן געווען, איז ער אַוועק לייגן זאַך באַם ברעג פונעם קאָרן־הויפן. אָדאַמאָלסט איז זי שטילינקערהייט אַרײַנעט. זי האָט עם אַנטפּלעקט דעם צופוסנס. און זי האָט זאַך אַוועקגעלייגט. (ח) איז געווען אַזוי. האַלבע נאַכט, טוט ער אַ ציטער אופעט און טאַפּט אַרומעט. אָט ליגט באַ עם צופוסנס אַ פרוֹי!

(ט) זאָגט ער:

„אַווער זײַט איר?"

זאָגט זי:

„רוּת, אײַער דינסט־מײד בין איך, אַוועט איר דען אויסשפּרייטן
די פליגלען פון אײַער מלבוש איבער אײַער דינסט־מײד,
ווײַלע אַ געזינד־לייזער זײַט איר דאָך?“

(י) זאָגט ער:

„באַ יי אַ געבענטשטע זאָלסטע זײַן, מײַן טאָכטער! אַ׳ דײַן
לעצטע גוטיקײַט איז נאָך בעסער איידער די ערשטע, וואָס
בינסט ניט נאָכגעלאָפן נאָך די בחורים, צי אַן אָרעמאַן צי אַן
עושר. (יא) איז איצטערטאָ, מײַן טאָכטער, האָב קין מורא ניט,
אַלציקעדינג אַוואָס דו זאָגסט ל׳איך דיר מאַכן, אַווײַלע דער
גאַנצער שטאָט־טויער וויס דען אַז אַן אשת חיל בינסטע. (יב)
נו, ס׳טאַקע אַזוי, אַ געזינד־לייזער בין איך, נאָר וואָדען, פאַראַן
נאָך אַ געזינד־לייזער וואָס איז נענטער פאַר מיר; איז —

(יג) „שלאָף אָדאָ די־אָ נאַכט.

„און אינדערפרי, ט׳זײַן, ׳עט ער דיר אויסלייזן, איז גוט, ט׳ער
אויסלייזן. ט׳ער דיר ניט וועלן אויסלייזן ׳על א י ך דיר
אויסלייזן, ווי ס׳לעבט גאָט! איז —

„לייג זאַך אַוועקעט ביזקל אינדערפרי.“

(יד) זי איז באַ עם צופוסנס געלעגן ביזקל אינדערפרי און איז
אופגעשטאַנען נאָך איידער אַ מענטש קען אַ צווייטן דאַקענען, ער
האָט געהאַט געזאָגט:

„מ׳זאָל זאַך ניט דאַוויסן, אַז די פרוי איז אין שײַער געקומען.“

(טו) דאַצו האָט ער געזאָגט:

„גיב זשע אַהער דעם שלייער וואָס אַף דיר, און האַלט זאַך
אָן עם אָנעט“,

האָט זי געהאַלטן. ער האָט אויסגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן און אַוועקגעלייגט באַ איר.

און ער איז אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן.

(טז) און אַז זי איז אָנגעקומען צו די שוויגער אירע, האָט זי באַ איר אַ פרעג געטאָן:

„נו, אי׳ וואָס באַ דיר?“

האָט זי איר אויסגעדאַצײלט אַלציקעדינג אַוואָס דער מאַנסביל האָט מיט איר געמאַכט, (יז) און געזאָגט:

„אָטאָ די זעקס מאָס גערשטן ט׳ער מיר געגעבן, פאַרדאַפאַר, ער׳ט געזאָגט: ‚קום ניט אָנעט צו די שוויגער דײַנע מיט ליידיקע הענט׳.“

(יח) האָט זי איר געזאָגט: „איז וואַרט זשע צו, מײַן טאָכטער, ביזקל וואַנענט דו׳עסט ניט געוואָר ווערן, ווי ס׳עט אויספאַלן די זאַך. על־כּל־פּנים ׳עט דער מענטש ניט רוען ביזקל וואַנענט ער׳ט ניט פאַרענדיקט די זאַך, אַנאָך ה יי נ ט.

# ד

(א) איז בוֹעַז אַרוף אַפן שטאָטישן טויער.

ער זיצט זאַך, און אָט גייט פאַרבײַ דער געזינד־לייזער אַוואָס בוֹעַז האָט גערעדט. טוט ער עם אַ זאָג:

„העי, וואָ, יע, איר־זשע! טאַקע אָט־דער־בֶּן־אָט־יענעם! אַהער קערד־זאַך אומעט!“

האָט זאַך יענער אָפּגעקערט און האָט זאַך אַוועקגעזעצט.

(ב) נעמט ער צען לײַט פֿון די זְקֵנֵי הָעִיר און זאָגט זיי אָנעט:

„אָטאָ דאָ זעצט זאַך אַוועקעט!“

איז האָבן זיי זאַך אַוועקגעזעצט. (ג) זאָגט ער דעם געזינד=אוֹיסלייזער:

„אַדי שטיק פֿעלד וואָס איז געווען באַ אֱלִימֶלֶךְ, אונדזער קרוב, טוט נָעֳמִי פֿאַרקויפֿן, וואָס האָט זאַך אָקערשט אומגעקערט פֿון די פֿעלדער פֿון מוֹאָבֿ. (ד) האָב איך פֿון מײַנטוועגן אַ קלער געטאָן, אַז כ׳ל איַיך אַנטפּלעקן אין עווער, אַזוי=צו=זאָגן: קויפֿט אָפּעט, פֿאַר די אויגן פֿון די=אָ וואָס זיצן, און פֿאַר די אויגן פֿון די זקנים פֿונעם פֿאָלק מײַנעם — אויבע איר׳ט אוֹיסלייזן, איז לייזט אָפּעט! און טאָמער ׳עט אָדאָס ניט אוֹיסגעלייזט ווערן, זאָגט זשע מיר, און כ׳ל וויסן זײַן. ווײַלע אַחוץ איַיך איז דאָך ניטאָ ווער ס׳עט אוֹיסלייזן, סײַדן — איך בין דאָך אַנאָך איַיך, דער נאָענטסטער.“

האָט ער געזאָגט:

„כ׳ל אוֹיסלייזן.“

(ה) האָט עם בּוֹעַז געזאָגט:

„דעם טאָג, אַז איר׳ט באַ נָעֳמִין און באַ רוּת די מואָבֿישע אָפּקויפֿן די פֿעלד, ט׳איר במילא אָפּקויפֿן די פֿרוֹי פֿונעם נפֿטר, כּדי אופֿשטעלן דעם נאָמען פֿונעם נפֿטר אינאיינעם מיט די נחלה זײַנע.“

(ו) זאָגט עם דער געזינד=אוֹיסלייזער:

„אויבע אַזוי ׳על איך ניט קענען אוֹיסלייזן, כ׳זאָל ניט אַ תֶּל מאַכן דעם יחוס מײַנעם. איז נעמט זשע איר אַף זאַך די אוֹיסלייזונג מײַנע, ווײַלע איכ׳ל ניט קענען לייזן.“

(ז) אָטאַזויאָ איז פֿרייער געווען אין ישׂראל באַם גואל זײַן, און באַם ממלא=מקום זײַן. אַף מקיים זײַן איטלעכע זאַך האָט איינער

אַראָפּגענומען אַ שוך און געגעבן דעם צווייטן, אָט אַזוי אָ איז דער סימן עדות אין ישראל געווען.

(ח) טאָ האָט דער אויסלייזער אַ זאָג געטאָן בּוֹעַזְן:

„קויפט אָפּעט!“

און האָט אַראָפּגענומען זײַן שוך. (ט) האָט בּוֹעַז די זקנים און דעם גאַנצן עולם געזאָגט:

„עדות זײַט איר באַם הײַנטיקן טאָג אַז איך האָב דען אָפּגעקויפט אַלציקעדינג וואָס באַ אֱלִימֶלֶכְן, און אַלציקעדינג וואָס באַ כִּלְיוֹנען און באַ מַחְלוֹנען פון האַנט פון נָעֳמִין! (י) און דער עיקר, האָב איך זאַך אָ׳געקויפט פאַר אָ ווײַב רוּתְן, די מואבישע, די פרוי פון מַחְלוֹנען, בכדי אופשטעלן דעם נאָמען פונעם נפטר אינאײנעם מיט זײַן נחלה. טאָ זאָל דער נאָמען פון נפטר ניט אָפּגעשניטן ווערן: ניט באַ זײַנע מקורבים, ניט באַם טויער פון זײַן שטאָט...

„הײַנט זײַט איר עדות!“

(יא) האָט גאָר דער עולם וואָס באַם טויער מיט די זקנים אַ זאָג געגעבן:

„עדות! —

„זאָל גאָט געבן, אַז די פרוי וואָס קומט אָנעט אין אײַער הויזגעזינד — אָט אַזוי ווי רחל און אָט אַזוי ווי לאה, אַוואָס זאַלבענאַנד האָבן זיי אופגעבויט דעם בית ישראל —

„איז אין אפרת גבורות טוט אופעט,

„און אין בֵּית־לֶחֶם אַ נאָמען שטעלט זשע אופעט! —

(יב) „און אײַער הויזגעזינד זאָל אָט אַזוי זײַן ווי פֶּרֶצעס הויזגעזינד, אַוואָס תָּמָר האָט יהודהן געבאָרן, אַזש פון פרוכפּערקײַט אַוואָס יי ט'אײַך געבן פון אָטאָ דיאָ יונגע מיידל.“

(יג) האָט בּוֹעַז גענומען רוּתְן. און זי איז עם פּאַר אַ ווײַב געווען. און ער איז באַ איר אָנגעקומען. און גאָט האָט איר טראָגעדיקײַט געגעבן. און זי האָט געוואונען אַ זון.

(יד) האָבן די פרויען גענומען זאָגן נָעֳמִין:

„געבענטשט איז גאָט, וואָס האָט אײַך היינט ניט אָפּגעשטעלט
קין אויסלייזער, איז זאָל מען אין ישראל זײַן נאָמען אויסרופן!
(טו) טאָ זאָל ער אַ דערקוויקער צו די נשמה זײַן, אַ פרנסה
געבער צו די עלטערע יאָרן, ווײַלע אײַער שנור, וואָס האָט אײַך
האָלט האָט עם געוואונען, זי גופא איז אײַך בעסער ווי זיבן זין.“

(טז) און נָעֳמִי האָט דעם אינגעלע צוגענומען אין שויס און זי איז עם פּאַר אַ האָדעווערין געוואָרן. (יז) אירע שכנטעס האָבן עם אַ נאָמען געגעבן, אַזוי־צו־זאָגן:

„אַ זון איז דען נָ עֳ מִ י ן געבאָרן געוואָרן!“

זיי האָבן עם אַ נאָמען גערופן: עוֹבֵד. ער איז דאָך דער טאַטע פון יִשַׁי, וואָס איז דאָך דער טאַטע פון דָּוִדְן.

(יח) און אָט זײַנען די דור=דורות פון פֶּרֶץ:

פֶּרֶץ האָט געבאָרן חֶצְרוֹנען. (יט)

און חֶצְרוֹן האָט געבאָרן רָמְען.

און רָם האָט געבאָרן עַמִּינָדָבֿן. (כ)

און עַמִּינָדָבֿ האָט געבאָרן נַחְשׁוֹנען.

און נַחְשׁוֹן האָט געבאָרן שַׂלְמָהן. (כא)

און שַׂלְמוֹן האָט געבאָרן בּוֹעַזן.

און בּוֹעַז האָט געבאָרן עוֹבֵדן. (כב)

און עוֹבֵד האָט געבאָרן יִשַׁין.

און יִשַׁי האָט געבאָרן דָּוִדן.

סליק